# די פּרינצעסין שַׁבָּת.

(היינע)

אין די אַלטע בָּבָא-מַעֲשׂוֹת
קוּמען פאַר גִלְגוּלִים פּרינצען,
וואָס זיי נעמען-אָן צוּ צייטען
זייער ערשט-געשטאַלט צוּריק.

אָט דער וואָלקוּלאַק דער מִיאוּסער
איז צוּריק אַ פּרינץ געוואָרען,
שיינט און לייכט אין בִּגְדֵי-מַלְכוּת,
שפּילט אַפילוּ שוין אַ ליעבּע.

מיט אַמאָל פערשווינדט דער כִּשׁוּף—
און מיר זעהען פּלוּצלינג ווידער
זיינע קעניגליכע האָהייט
אין אַ וואָלקוּלאַק פערוואַנדעלט.

פוּן אַ פּרינץ אַזוינעם וועל איך
זינגען יעצט—יִשְׂרָאֵל הייסט ער.
איהם האָט דאָס אַ מְכַשֵּׁפָה
אין אַ הוּנט שוין לאַנג פערוואַנדעלט.

הונט מיט הינטישע געדאַנקען,
אויסגעוואַלגערט אַלע מיסטען,
שלעפּט ער זיך אַרום אַ גאַנצע
וואָך, צום שפּאָט פון גאַסען-יינגען.

אָבער יעדען פרייטאָג-אָוועגד,
בֵּין-הַשְּׁמָשׁוֹת, טרעפט אַ וואונדער:
פּלוצלינג פאַלט פון איהם דער כִּשּׁוּף,
אויס הונט—ווידער מענש געוואָרען.

מענש מיט מענשליכע געפיהלען,
ריין, געצירט אין בִּגְדֵי-כָבוֹד,
הויך זיין קאָפּ און האַרץ ערהויבען
טרעט ער איין אין פאָטערס פּאַלאַץ.

„זיי געגריסט, געליבטער פּאַלאַץ
פון מיין קעניגליכען פאָטער!
יַעֲקֹב׳ס צעלטען! ציטעריג קוש איך
אייערע אַלטע הייליגע טהירען".

דורך גאָטס-הויז שוועבט-דורך אַ ציטער,
שטיל בעוועגען זיך די ליפּען.
שאַ! די קעניגין די שְׁכִינָה,
בענשט, פערמאַכט די אויגען, ליכט—

גאָלדענע ליכט פון טרייסט און קְדוּשָה!
אויף דעם ווענטעל פון דעם עָמוּד
גלענצט איהר, ווי אַ שטערענטיכעל
אויף דער מאַמעס ליבען שטערען.

פרום און צְנִיעוּת'דיג פערהאַנגען
מיט דעם זיידענעם פָּרֹכֶת
אין איהר סאַמעטענעם מענטעל
שטעהט די רייניגקייט אין אָרוֹן.

שטעהט און וואַרט... אַט קומט דער חַזָן
איינגעהילט אין ווייסען טַלִית
רופט ער אוים דעם זיסען רוף:
„לְכָה דוֹדִי לִקְרַאת כַּלָה!"

„לְכָה דוֹדִי—קום געליבטער,
נעם אַריין דיין שעֶנע כַּלָה,
זי האָט אָבגעדעקט איהר שלייער,
איהר פערשעמט געזיכט אַנטפלעקט דיר.

אַט דער שעֶנער שִׁיר־יְדִידוּת
איז פערפאַסט שוין לאַנגע יאָהרען
פון אַ וועלט־בעריהמטען זינגער
לכּבוֹד די שעֶנע חָתָן־כַּלָה.

אין דעם מִזְמוֹר ווערט בעזונגען,
ווי יִשְׂרָאֵל האָט אויף אייביג
זיך פער׳קנַסט די מַלְכָּה שַׁבָּת,
וואָס מען רופט „די שטילע פירשטין”.

בלוּם און פעריל אַלער שענהייט
איז די מַלְכָּה! וואָס מיר, ווער מיר
מַלְכַּת־שְׁבָא אין איהר פערגלייכען,
די, וואָס איז געפעלען שְׁלמה׳ן...

יענע כּוּשְׁ׳ער שטריימעל קלוּגט זיך
און פערמאָגט אַ מויל אויף שרייפּלעך,
עסט זיך איין מיט איהרע חָכְמוֹת
און פערדרעהט דעם קאָפּ מיט חִידוֹת.

נישט ווי זי איז פירשטין שַׁבָּת.
ווי אַ טויב אַ שטילע איז זי,
רוּהיג ווי די רוּה אַליין,
ווייסט נישט פון קיין איבערשפּיצלעך.

נישט גע׳חֲקִירָה׳ט זיך, גע׳פִּלְפּוּלט,
נישט גע׳בְּרֵיֶה׳ט זיך, געפּילדערט,
נישט געשפּריצט מיט ווערטער פונקען
טרייסלענדיג מיט האָר צעלאָזטע...

פרום פערבאָרגט די שטילע פירשטין
איהרע צעפּ אין ווייסען הייבעל,
בּליקט אַזוי זאַנפט, ווי די גאָזעלע,
בליהט אַזוי שלאַנק, ווי די הֲדַסִים...

זי ערלויבט איהר ליבסטען אַלעם
אויסער איין זאַך—טאַבאַק רויכען:
ליבסטער, רויכען איז פערבאָטען,
ווייסט דאָך, היינט איז שַׁבָּת=קֹדֶשׁ...

איך וועל דיר דערפאַר בעלוינען
מיט אַ מַאֲכָל—טַעַם גַּן=עֵדֶן.
טשאָלענט הייסט ער—אָט דעם מַאֲכָל
האָט אונז גאָט אַליין געגעבען

אַ מַתָּנָה פון זיין נאָמען
מיט דעם שַׁבָּת פון באַרג סִינַי
דורך די דונערען און בליצען—
טשאָלענט זאָלסטו מיר היינט עסען...

אָבגעגעסען סְעוּדַת=שַׁבָּת,
זיצט דער פרינץ און שיינט פון תַּעֲנוּג.
מיט פערקלעמטע אויגען קוקט ער,
רעדט עפּעס מיט זיך און שמייכעלט:

הער איך נישט דעם יַרְדֵן רוישען?
איז דאָס נישט אַ קלאַנג פון קוואַלען
אין דעם פּאַלמען־טאָל פון בֵּית־אֵל,
וואו סע הויערן די קעמלען?

הער איך נישט די הערדען־גלעקלעך?
איז דאָס נישט אַ קול פון שעפּסען,
וואָס דער פּאַסטוך טרייבט אַראָב —
אָבענד־צייט פון הָרֵי־גִלְעָד?

דאָך דער שענער רוה־טאָג שטעהט נישט.
ווי מיט שאָטען־פּיס מיט לאַנגע
שפּאַנט אַלץ נעהענטער די בייזע
שלעכטע שָׁעָה. דער פּרינץ פאַרזאָרגט זיך.

קאַלטע מְכַשֵּׁפָה־פינגער
שפּירט ער קלעמען איהם ביים האַרצען.
און דעם פּרינץ נעמט דורך אַ שוידער:
באַלד אוים מענש, צוריק אַ הונט ווי...

די פּרינצעסין טראָגט איהם אונטער
אין אַ גאָלדען רעהריל בְּשָׂמִים.
לאַנגזאַם שמעקט ער, נאָך איינמאָל האָטש
מיט דעם זיסען רֵיחַ זיך קוויקען.

פון פרינצעסינ'ס האַנד דעם לעצטען  
אָבשיעד־בעכער אויסגעטרונקען,  
שפּריצט ער אויף דעם טיש די לעצטע  
טראָפּענס און לעשט אויס דאָס לעכטעל.